**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/27/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אפלאדירט PACB באשטעטיגונג פאר באדייטנדע פינאנצירונג אפמאך צו איבערמאכן פען סטאנציע, אויפלעבן ארומיגע געגנט**

***קריטישע עררייכונג שטופט פאראויס די גאווערנער'ס פארשלאג צו רענאווירן פען און פינאנצירן פארבעסערונגען צו עפנטליכע פלעצער און טראנספארטאציע אן העכערן שטייערן אדער טיקעט פרייזן פאר ניו יארקער***

***פראיעקט באשטאנדטיילן רעכענען אריין איבערבויען די סטאנציע און פאטענציאלע פארברייטערונג; ביז אזויפיל ווי 708 יוניטס פון ביליגע און שטיצנדע האוזינג; לעבעדיגע אפענע שטחים; און פארבעסערונגען צו געסער, סיידוואלקס און טראנספארטאציע אינפראסטראקטור***

***באשלוס פאלגט נאך ESD באורד באשטעטיגונג פון פען סטאנציע אלגעמיינע פראיעקט פלאן***

***אינפארמאציע איבער פראיעקט פינאנצירונג, קאסטן און קאסט-מיטטיילונג איז פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אפלאדירט דעם באשלוס פון די פובליק אויטאריטעטן קאנטראל באורד (Public Authorities Control Board, PACB) צו באשטעטיגן א פינאנציעלע פלאן צו שטיצן איר פארשלאג צו איבערבויען און מעגליך אויך פארברייטערן פען סטאנציע און צוריק אויפלעבן די ארומיגע געגנט. די איינשטימיגע באשלוס צייכנט אפ א וויכטיגע טריט פאראויס מיטן אויספירן די גאווערנער'ס פלאן וואס רעכנט אריין דאס בויען א נייע, מאדערנע באן סטאנציע; ביז אזויפיל ווי 1,800 יוניטס פון האוזינג – אריינרעכענענדיג הונדערטע ביליגע און שטיצנדע האוזינג יוניטס – אינגאנצן נייע, ערשט-קלאסיגע אפיס פלאץ; 8 אקער פון אפענע שטחים; און פארבעסערונגען צו די געסער, סיידוואלקס און לאקאלע טראנספארטאציע אינפראסטראקטור. עס ווידערהאלט אויך די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו דורכפירן דעם פראיעקט אן העכערן שטייערן פאר ניו יארקער אדער די טיקעט פרייזן פאר פאסאנזשירן.

לעצטע וואך האט די באורד אָוו דירעקטארס פון די עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) געשטימט צו באשטעטיגן די אלגעמיינע פראיעקט פלאן (General Project Plan, GPP) פון די 'פענסילוועיניע סטאנציע געגנט שטאטישע און לאנד באנוץ פארבעסערונג פראיעקט' (Pennsylvania Station Area Civic and Land Use Improvement Project) — גאווערנער האקול'ס פלאן צו איבערמאכן פען סטאנציע און די ארומיגע געגנט.

"פאר צו לאנג איז פען סטאנציע געווען אן איבערגעפולטע, צושטופטע און פארנאכלעסיגטע חורבן. די באשלוס איז א גאר וויכטיגע עררייכונג פאר אונזער פלאן צו פארערכטן פען סטאנציע און טראנספארמירן די ארומיגע געגנט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס קומט זיך פאר ניו יארקער א סטאנציע פון

וועלכע זיי קענען זיין שטאלץ, האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פון א הויכע קוואליטעט צו רופן היים, פיסגייער-פריינטליכע געסער און סיידוואלקס און טראנספארטאציע צו וועלכע עס איז גרינג צו צוקומען. די פלאן וועט ברענגען אלע די זאכן און נאך מער. איך באדאנק די פובליק אויטאריטעטן קאנטראל באורד פאר זייער באשטעטיגונג, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט ערוויילטע בעאמטע, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס מיט דעם פראיעקט און שטעלן אהער א סטאנציע וואס פאסט זיך פאר ניו יארק."

"פאר צענדליגע יארן רעדט מען שוין פון בויען א נייע פען סטאנציע, אבער יעצט האבן מיר א געלעגנהייט וואס קומט איינמאל אין א יובל צו אהערשטעלן א סטאנציע וואס פאסט זיך פאר די בעסטע שטאט אין די וועלט", **האט ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס געזאגט.** "צוקונפטיגע דורות פון ניו יארקער וועלן זעהן די נייע פען סטאנציע אלץ א באווייז אז ניו יארק סיטי קען ערגרייכן גרויסע זאכן, אפילו אין שווערע צייטן. איך אפלאדיר די PACB פאר דעם היסטארישן באשלוס וואס וועט ברענגען אן ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע צענטער, דזשאבס פון א גוטע קוואליטעט און גאר-נויטיגע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן צו אונזער סיטי. איך וויל אויך באדאנקען גאווערנער האקול, און אזוי אויך גאווערנער מורפי און אונזערע שותפים אין די MTA, Amtrak, און NJ Transit, פארן דעמאנסטרירן אז די רעגירונג קען ארבעטן שנעל און צוזאמען צו ערלעדיגן וואס עס פעהלט זיך אויס."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האָפּ נייט האט געזאגט,**
"גאווערנער האקול'ס פלאן פאר אן ערשט-קלאסיגע פען סטאנציע און אויפגעלעבטע ארומיגע געגנט איז די פאזיטיווע טראנספארמאציע וואס האט שוין פון לאנג געדארפט געשעהן וואס קומט זיך פאר ניו יארקער. די פלאן איז נישט נאר א געווינס פאר יעדן איינעם – פאסאנזשירן, איינוואוינער און מענטשן וואס דארפן אנקומען צום ארבעט – נאר עס איז אויך א מאכטפולע שטופ אויף ארויף פאר ניו יארק'ס לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע אנטוויקלונג. דעוועלאפמענט וואס איז אריענטירט ארום טראנספארטאציע איז א מאדעל פון וואוקס וואס קען אנהאלטן פאר לאנג, און מיר זענען שטאלץ מיט די אפענע און עפנטליכע פראצעדור וואס דער פראיעקט איז אריבערגעגאנגען דורכאויס די לעצטע צוויי יאר, ווערנדיג פארשטערקערט דורך די קאמענטארן וואס שטאטישע גרופעס און קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע האבן זיך געלאזט הערן האבן געגעבן און געהאלפן דערמיט צו פארבעסערן די פלאן."

די PACB באשלוס אויטאריזירט אן [אפמאך](https://www.governor.ny.gov) צווישן גאווערנער האקול און ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס אויף א פינאנציעלע פלאן וויאזוי צו פינאנצירן די סטאנציע איבערבויאונג און מעגליכע פארברייטערונג, עפנטליכע שטחים פארבעסערונגען און פארבעסערונגען צו טראנספארטאציע אינפראסטראקטור. די פלאן פארזיכערט אז די סיטי היט אויף די יעצטיגע שטאפל פון פראפערטי טעקס איינקונפט אויף אן איינהייטליכן פארנעם בשעת'ן פארלאנגען אז טייל פון די פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט זאל קומען פון פריוואטע דעוועלאפמענט. אלץ טייל פון דעם אפמאך האבן די סיטי און סטעיט זיך פארפליכטעט צו עפענען א געמיינזאמע סיטי-סטעיט אנטוויקלונג קערפערשאפט וואס וועט זיין פאראנטווארטליך צו אויפזעהן איבער די פארבעסערונגען צו די עפנטליכע שטחים אין צוזאמענארבעט מיט די פען סטאנציע עפנטליכע פלעצער איינהייט (Penn Station Public Realm Task Force).

פארגאנגענע נאוועמבער האט גאווערנער האקול אנאנסירט א [ברייטע פלאן](https://www.governor.ny.gov) פאר א נייע, ערשט-קלאסיגע פען סטאנציע וואס לייגט די פאסאנזשירן אלץ פריאריטעט און צו אויפלעבן די ארומיגע געגנט אויף א וועג וואס שפיגלט אפ די קאמיוניטי'ס באדערפענישן און איז קאנצעטרירט ארום פובליק טראנספארטאציע און פארבעסערונגען צו עפנטליכע פלעצער. די גאווערנער'ס פלאן לייגט אלץ פריאריטעט צו איבערבויען די עקזיסטירנדע סטאנציע אין די צייט וואס סיי די סטאנציע פארברייטערונג און סיי די גרעניץ האדסאן טונעל פראיעקט (Gateway Hudson Tunnel Project) – צוויי פראיעקטן וואס די גאווערנער שטיצט – זעצן פאר זיך צו פאראויס רוקן. אונטער די פלאן קענען ניו יארקער ערווארטן:

- א מאדערנע, איין-שטאקיגע באן סטאנציע, מיט טאפלט די הייך, וואס טאפלט די שטח פאר פאסאנזשירן זיך ארומצודרייען אויף די נייע עפנטליכע שטאק פון בערך 123,000 סקוועיר פיס גרויס צו בערך 250,000 סקוועיר פיס.
- ביז אזויפיל ווי 1800 וואוינונג יוניטס (פון וועלכע ביז אזויפיל ווי 708 – אדער כמעט 40 פראצענט פון די יוניטס – וועלן זיין פאר צוגענגליכע פרייזן אדער שטיצנדע הייזער);
- 8 אקער פון ווירבלנדע אפענע שטחים.
- ברייטערע סיידוואלקס, פיסגייער-פריינטליכע גאסער פאר קארן און פיסגייער, אינגאנצן נייע פיסגייער פלאזאס און באשיצטע ביציקל ליניעס.
- כמעט צוויי מאל אזוי פיל אריינגאנגן צו פען סטאנציע מיט נייע אונטערערדישע קארידארן פארבינדענדיג th Street-Herald Square34 צו פען.
- א רייע פון סאושעל סערוויסעס צו שטיצן מענטשן וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט און די וועלכע ליידן פון דראג באנוץ קראנקייטן און באגלייטנדע קראנקייטן.

אין יוני [האט גאווערנער האקול אנאנסירט](#) אז די פען סטאנציע איבערבויאונג פראיעקט איז אריין אין די דעזיין שטאפל און האט ארויסגעגעבן א פארלאנג פאר פארשלאגן (request for proposals) פאר די דעזיין פון די נייע פען סטאנציע. די געווינער זענען ערווארטעט צו אנאנסירט ווערן דעם הערבסט.

גאווערנער האקול'ס פלאן פאלגט נאך מער פון צוויי יאר פון ארבעטן מיט די קאמיוניטי, אריינרעכענענדיג מער פון 100 פובליק באגעגענישן אפגעהאלטן דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ( ESD, Empire State Development) און א יאר פון פובליק קאמענטארן צו אויסהערן וואס די ארטיגע איינוואוינער האבן צו זאגן און רעקאמענדירן. די ענדגילטיגע פלאן איז א דירעקטע אנטווארט צו די פובליק קאמענטארן פון לאקאלע בעאמטע, קאמיוניטי מיטגלידער, שטאטישע ארגאניזאציעס און אנדערע פארמישטע פארטייען.

נאך אינפארמאציע איבער דעם פראיעקט, אריינרעכענענדיג פראיעקט פינאנצירונג, ערווארטעטע קאסטן, קאסטן-מיטיילונג און איינקונפט פון פריוואטע דעוועלאפמענט, איז פארעפנטליכט אויף די [ESD'ס וועבזייטל](#).

**פרעזידענט און CEO פון די ראיאנישע פלאנירונג פארבאנד (Regional Plan Association), טאָם רייט, האט געזאגט,** "פאר צו לאנג האבן די ארטיגע רייזנדע און ניו יארקער געליטן פון די באליידיגונג פון פען סטאנציע — א סימבאל פון אלעס וואס איז געווען נישט ריכטיג מיט די פלאנירונג אין די 20'סטע יאר-הונדערט: וויניג אינוועסטירונג, גלייכגילטיגקייט און נישט גוטע שטאטישע דעזיין. אזוי ווי סיי די פען צוטריט און גרעניץ טונעל פראיעקטן רוקן זיך פאראויס, ברענגנדיג מער פאסאנזשירן, ענערגיע און פארבינדונג צו די דיסטריקט, דערפריידט עס אונז צו זעהן אז די רענאוואציע און פארברייטערונג פון פען סטאנציע מאכט א גרויסע טריט אויף פאראויס א דאנק גאווערנער האקול'ס שטארקע פירערשאפט און שותפות מיט מעיאר עדעמס. מיט קאמענטארן פון ערוויילטע בעאמטע, קאמיוניטי מיטגלידער און פארמישטע פארטייען, האט די פובליק געוואונען באדייטנדע פארבעסערונגען צו די פלאן, אריינרעכענענדיג איבער 700 נייע יוניטס פון האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, פארפליכטונגען צו פארבעסערן עפנטליכע שטחים און רעדוצירן די ביזנעס צושטופטקייט. מיר האבן נאך א לאנגע וועג פאראויס, אבער די פלאן הויבט אן צו מאכן באדייטנדע פארבעסערונגען צו פען סטאנציע און די ארומיגע דיסטריקט וואס וועט בענעפיטירן רייזנדע, ביזנעסער און איינוואוינער פאר פילע צוקונפטיגע יארן."

**פרעזידענט און CEO פון די שותפות פאר ניו יארק סיטי (Partnership for New York City), קעטרין ווײלד, האט געזאגט,** "באשטעטיגונג פון די ערשטע שטאפל פון די לאנג-ערווארטעטע פלאן צו איבערבויען פען סטאנציע איז א קריטישע טריט אין די ריכטונג פון ניו יארק'ס אויפשטייג נאך די פאנדעמיע. קאאפעראציע צווישן די גאווערנער, מעיאר און סטעיט לעגיסלאטור האבן ערמעגליכט די

דורכברוך און עס איז אן ערמוטיגנדע ביישפיל פאר אנגייענדע מאדערניזאציע פון אונזער טראנספארטאציע אינפראסטראקטור און וואוקס פון אונזער עקאנאמיע."

**CEO פון די פארבאנד פאר א בעסער ניו יארק (Association for a Better New York), מעלווע מ. מילער, האט געזאגט,** "מיר זענען איבערגעגעבן צו רוקן ניו יארק אויף פאראויס, און גאווערנער האקול'ס פלאן פאר אן אויפגעלעבטע פען סטאנציע ברענגט אונז איין טריט נאענטער צו ערגרייכן געגוי דאס. די אלגעמיינע פראיעקט פלאן וועט נישט נאר פארבעסערן די רייזע פאר הונדערטע טויזנטע מענטשן – ברענגענדיג א בעסערע קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער – נאר עס וועט אויך פארברייטערן די סיטי'ס צאל פון האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע און אינקלוסיווע וואוקס. דורך דורכגעטראכטע קאמענטארן פון די פובליק און פריוואטע סעקטארן, שטעלט זיך די פלאן אין איינקלאנג מיט אונזער ברייטערע בליק צו מאכן ניו יארק א בעסערע פלאץ וואו צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן פאר יעדן."

**פרעזידענט פון בויען און קאנסטרוקציע האנדל קאונסיל פון גרעיטער ניו יארק (Building and Construction Trades Council of Greater New York), גערי לעבארבארע, האט געזאגט,** "די היינטיגע טאג שפיגלט אפ נאך א קריטישע טריט פאראויס מיטן מאדערניזירן און אויפלעבן פען סטאנציע, א פראיעקט וואס וועט שאפן טויזנטע מיטעלע-קלאס קאריערעס מיט בענעפיטן פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער, און עס איז א שטופ אויף ארויף פאר די סיטי'ס געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע ווידער-אויפשטייג וואס דארף שוין פון לאנג געשעהן. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול און מעיאר עריק עדעמס פאר זייער שטאנדהאפטיגע איבערגעגעבנקייט צו דעם פראיעקט, און מיר זענען דאנקבאר פאר זייער פירערשאפט אזוי ווי די וויכטיגע איניציאטיוו רוקט זיך פאראויס. אונזערע מיטגלידער קוקן ארויס צו ארבעטן מיט פארמישטע פארטייען און מיט אונזערע שותפים אין די אינדוסטריע צו עמטליך טראנספארמירן פען סטאנציע צו ווערן א הערליכע און ווירקזאמע טראנספארטאציע צענטער וואס קומט זיך פאר ניו יארקער און מיט וועלכע צו קענען עכט שטאלצירן."

**פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק בויען קאנגרעס (New York Building Congress), קארלאָו א. סיזורע, האט געזאגט,** "מיט די היינטיגע באשלוס וועלן א גאנצע דור פון ניו יארקער געניסן פון די בענעפיטן פון אן איבערגעמאכטע פען סטאנציע. דאס איז איינס פון די וויכטיגסטע אינפראסטראקטור פריאריטעטן אין אונזער לעבן, אן קיין גוזמא. און א דאנק די באריכנדע קאמענטארן פון די קאמיוניטי, ברענגט די פלאן נאך מער בענעפיטן פאר די פובליק, אריינרעכענענדיג מער הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן, מער פארבעסערונגען צו עפנטליכע פלעצער, מער סערוויסעס און ווייניגער צושטופטקייט. און איבעריג צו דערמאנען זענען די טויזנטע נייע דזשאבס וועלכע וועלן געשאפן ווערן און די עקאנאמישע שטופ וואס אן איבערגעמאכטע פען סטאנציע און ארומיגע קאמיוניטי וועלן ברענגען פאר די גאנצע ראיאן. יעצט, לאמיר אריינגראבן די שאוולעך אין די ערד און בויען פאר די צוקונפט."

**ביזנעס מענעדזשער און סעקרעטערי טרעזשורער פון דיסטריקט קאונסיל 9 פון די אינטערנאציאנאלע יוניאן פון פארבער און אליאירטע האנדל (International Union of Painters and Allied Trades), דזשאוסעף עזאופארדי, האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט מיטן רוקן ניו יארק אויף פאראויס מיט די פארבעסערונג פון פען סטאנציע און דאס איבערמאכן ארומיגע געגנט. די פלענער וועלן נישט נאר אויפבויען די פראמינענטע געגנט פון ניו יארק סיטי, נאר עס וועט אויך ברענגען גוט-צאלנדע און קאריערע-אויפהאלטנדע יוניאן דזשאבס. דיסטריקט קאונסיל 9 קוקט ארויס צו אונזער ארבעט צוזאמען אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אויפלעבן ניו יארק און פלאסטערן אויס א וועג צו די מיטעלע קלאס פאר פילע ניו יארקער."

**פרעזידענט פון BJ32 קייל ברעג האט געזאגט,** "אויב עס איז דא עפעס אויף וועלכע אלע ניו יארקער קענען זיין איינשטימיג איז עס אז די יעצטיגע פען סטאנציע איז א חורבן. די היינטיגע טאג איז די אנהויב

פון א נייע קאפיטל פאר פען סטאנציע, און עס ברענגט ניו יארק איין טריט נאענטער צו די סטאנציע וואס קומט זיך איר. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן ברענגען איר ווייטע בליק צו דעם פען סטאנציע פראיעקט און פארן אלעמאל זיכער מאכן אז די ארבייטער באקומען א זיץ ביים טיש."

**עקזעקיוטיוו סעקרעטערי-טרעזשורער פון די ניו יארק סיטי און ארום דיסטריקט קאונסיל פון קארפענטערס (New York City and Vicinity District Council of Carpenters), דזשאוסעף גייגער, האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי דארף יעצט מער פון סיי ווען אן אינוועסטירונג פון אמאל אין א יובל אלץ פארגוטיגונג פאר צענדליגע יארן פון פארנאכלעסיגונג. גאווערנער האקול'ס פלאן קומט נאך די צוזאג און נאך מער. נאך וויכטיגער — עס וועט שאפן טויזנטע גוט-באצאלנדע יוניאן דזשאבס און נאך מער געלעגנהייטן פאר מענטשן זיך ארייננצוטרעטנירן דורכאויס א צייט ווען מיר דארפן דאס די מערסטע. יארן פון יעצט וועלן מענטשן פרעגן 'וויאזוי האט ניו יארק אנגעהויבן צו איבערבויען איר מיטעלע קלאס?' דאס וועט זיין די מאמענט צו וועלכע זיי וועלן ווייזן מיט די פינגער."

**ביזנעס מענעדזשער פון לעיבארערס'ס לאקאל 79 (Laborers' Local 79), מייקעל פראָוהאַסקא, האט געזאגט,** "די פלאן צו פארברעכטן פען סטאנציע איז א פלאן פאר אלע ניו יארקער, און מיר זענען באגייסטערט עס צו זעהן זיך רוקן פאראויס. א דאנק גאווערנער האקול וועט דער פראיעקט ענדליך גיבן פאר פאסאנזשירן א נייע און פארבעסערטע פען סטאנציע און ארייננבלאזן א חיות אין די ארומיגע געגנט — דאס אלעס מיט די הילף פון יוניאן לעיבאר. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער, לאקאלע און סטעיט בעאמטע און אונזערע ברידער און שוועסטער אין לעיבאר צו ברענגען א פען סטאנציע מיט וועלכע אלע ניו יארקער קענען שטאלצירן."

**פרעזידענט פון די th Street34 שותפות (th Street Partnership34), דען בידערמאן, האט געזאגט,** "די th Street34 שותפות איז באגייסטערט מיט די באשטעטיגונג פון די סיטי און סטעיט PILOT אפמאך. די פלאנירטע פארבעסערונגען וועלכע ווערן ערמעגליכט דורך די גאווערנער'ס פלאן וועלן טראנספארמירן די ערפארונג פאר רייזנדע אין און ארום די סטאנציע דורכן פארמערן די צוגענגליכקייט און פארבעסערן די געסער, זייענדיג א געלעגנהייט פון איינמאל אין א יובל צו גיבן פאר ניו יארק די מאדערנע טראנספארטאציע צענטער וואס קומט זיך איר. מיט לעצטיגע פארבעסערונגען צו די Moynihan Train Hall, Manhattan West, Penn 1 און Penn 2, גייט די געגנט ארום פען סטאנציע שוין יעצט אריבער א טראנספארמאציע, און מיר אפלאדירן גאווערנער האקול און די PACB פאר זייער פירערשאפט מיטן פאראויס רוקן דעם פראיעקט אלץ טייל פון זייער אמביציעזע ברייטע בליק."

**פרעזידענט פון די ריעל עסטעיט באורד פון ניו יארק (Real Estate Board of New York), דזשעימס ווילען, האט געזאגט,** "די פלאן וועט גיבן פאר ניו יארקער די מאדערנע פען סטאנציע וואס קומט זיך זיי, און עס וועט ברענגען גענוי די ריכטיגע געמיש פון הויכע-קוואליטעט אפיס פלאץ, גאר-נויטיגע האוזינג און פארבעסערונגען צו עפנטליכע פלעצער צו שטיצן א דינאמישע און 'לעב-ארבעט-שפיל' דיסטריקט וואס האלט ניו יארק סיטי בליהענד. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול און די פובליק אויטאריטעטן קאנטראל באורד פארן אונטערנעמען נאך א וויכטיגע טריט פאראויס צו מאכן די פלאן א מציאות, און מיר קוקן ארויס צו זעהן ניו יארקער געניסנדיג פון די פארברייטערטע טראנספארטאציע צענטער, נייע ביליגע און שטיצנדע האוזינג, און די פילע בכבוד'דיגע דזשאבס וואס וועלן מיטקומען מיט עס."

**פרעזידענט פון די נייע בראנקס טשעימבער אָוו קאמערס ( New Bronx Chamber of Commerce), ליסע סארין, האט געזאגט,** "די היינטיגע באשלוס איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו פארבעסערן די לעבנס פון ארבעטנדע ניו יארקער. פאר יארן לאנג האבן בראנקס איינוואוינער געליטן פון איבערגעפולטע און פארשפעטיגטע באנען און פארלוסטן פון געהאלט צוליב פען סטאנציע נישט קענענדיג נאכקומען די פארלאנג. מיט די GPP טוישט זיך אלעס, מיט וויניגער צושטופטקייט,

פארבעסערטע צוגענגליכקייט, נייע פארבינדונגען צווישן פארשידענע טראנספארטאציע מיטלען און א טראנספארמירטע ארומיגע געגנט צו געוואלדיג פארבעסערן די רייזע ערפארונג. די נייע פּען וועט לייגן גלייכקייט און צוגענגליכקייט אין די צענטער און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר טויזנטע בראנקס איינוואוינער וועלכע פארלאזן זיך אויף עס יעדן טאג."

**פרעזידענט און CEO פון די קווינס טשעימבער אָוו קאמערס ( Queens Chamber of Commerce), טאמאס גרעק, האט געזאגט,** "אין די נאמען פון די עלטסטע און גרעסטע ביזנעס פאראיין אין קווינס, אפלאדיר איך גאווערנער קעטי האקול און די מאנשאפט ביי די עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט פאר זייער ברייטע בליק צו טראנספארמירן פּען סטאנציע צו ווערן אן ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע צענטער וואס לייגט דעם פאסאנזשיר אין פארנט. די היינטיגע באשלוס פון די פובליק אויטאריטעטן קאנטראל באורד איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו מאכן די פלאן פאר א רעאליטעט. פארזיכערן אז אונזער ארבעטסקראפט האט צוטריט צו פארלעסליכע פובליק טראנספארטאציע איז קריטיש פאר די צוקונפט פון אונזער סיטי, סטעיט און ראיאנישע עקאנאמיעס. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו פארזיכערן אז ביזנעסער אין ניו יארק קענען פארזעצן צו וואקסן, בליהען און שאפן דזשאבס פאר ניו יארקער."

**פרעזידענט און CEO פון די גרעיטער דזשעמעיקע דעוועלאפּמענט קארפערשאפט ( Greater Jamaica Development Corporation), דזשאסטין ראדזשערס, האט געזאגט,** "פאר פאסאנזשירן אין דזשעמעיקע'ס שטאט צענטער און דרום-מזרח קווינס, איז פּען סטאנציע אלעמאל געווען א שטער פאר יעדע רייזע אריין צו די מיטן פון די שטאט. די היינטיגע באשלוס צו אננעמען גאווערנער האקול'ס טראנספארמאטיווע GPP — א פלאן וואס לייגט די פאסאנזשיר אין פארנט, פארזיכטיג אויספלאנירט מיט קאמענטארן פון קאמיוניטי גרופעס און ערוויילטע בעאמטע צו שאפן א מער שטאנדהאפטיגע און ווירקזאמע סטאנציע און דיסטריקט. די פארבעסערונגען וועלן דירעקט בענעפיטירן אונזערע קאמיוניטיס אין דרום-מזרח קווינס דורכן שניידן די צייט ווי לאנג עס דויערט צו פארן, פארבעסערנדיג די קוואליטעט פון לעבן און העלפן אויפלעבן די גאנצע סיטי'ס עקאנאמיע."

**CEO פון די געזונטהייט און וואוילזיין קאונסיל פון לאנג איילענד ( Health and Welfare Council of Long Island), רעבעקע סאנין, האט געזאגט,** "היינט זענען ניו יארקער נאך איין טריט נאענטער צו באקומען א טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין די מערסטע פארנומענע טראנספארטאציע צענטער אין אונזער לאנד. פּען סטאנציע איז פון לאנג געווען שרעקליך אומצופרידנשטעלנד ווען עס קומט צו צוגענגליכקייט, באזונדערס פאר עלטערע מענטשן און מענטשן מיט דיסאביליטיס. איך בין באגייסטערט איבער די לאנג-ערווארטעטע פארבעסערונגען וואס גאווערנער האקול האט פארגעשלאגן פאר פּען סטאנציע צו פארבעסערן די צוגענגליכקייט און פארבעסערן די געמיינזאמע עקאנאמיע צווישן לאנג איילענד און NYC פאר אלע וועלכע פארן אריין צו די ארבעט, צו פארוויילן, צוקומען צו מעדיצינישע קעיר, בילדונג און אנדערע געלעגנהייטן."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די פארבאנד פאר א בעסער לאנג איילענד ( Association for a Better Long Island), קייל סטרויבער, האט געזאגט,** "די גאווערנער איז פארנומען מיט א זאך וואס די איינציגסטע פאסיגע שילדערונג דערפון איז א היסטארישע באמיאונג צו איבעבויען און אויפלעבן פּען סטאנציע צו ווערן א זאך מיט וועלכע פאסאנזשירן, רייזנדע און אלע ניו יארקער קענען שטאלצירן. די ראיאן וועט געניסן פון די בענעפיטן פאר פילע צוקונפטיגע דורות.  עס איז קריטיש אז פּען סטאנציע זאל מאדערניזירט און איבערגעארבעט ווערן אויף א ווירקזאמען פארנעם כדי עס זאל קענען אקאמאדירן די באדערפענישן פון א סיטי אין די 21'סטע יאר-הונדערט וואס דארף בלייבן די עקאנאמישע הויפטשטאט פון די וועלט. עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז לאנג איילענד איינוואוינער וועלן בענעפיטירן פון דעם פראיעקט, און פונקט אזוי וועט אונזער מיטגעטיילטע צוקונפט אלץ ניו יארקער."

**טשעירמאן פון די לאנג איילענד ראיאנישע פלאנירונג קאונסיל (Long Island Regional Planning Council), דזשאן קעמעראן, האט געזאגט,** "דער באשלוס איז א געוואלדיגע געווינס פאר די טויזנטער לאנג איילענד איינוואוינער וועלכע פארן אריין צו די ארבעט יעדן טאג נוצנדיג פען סטאנציע. אן אויפגעלעבטע פען סטאנציע, צוזאמען מיט א נייע LIRR פאסאנזשירן זאל וועט פארזיכערן אז לאנג איילענד איינוואוינער האבן א מער געשליפענע רייזע. א דאנק די באדייטנדע קאמענטארן פון די פארמישטע פארטייען, וועט די ארומיגע דיסטריקט אויך זיין א זיכערע, מער ווירבלנדע און פאסאנזשיר-פריינטליכע טראנספארטאציע צענטער פון סיי ווען בעפאר. דאס איז די צוקונפט וואס עס קומט זיך פאר לאנג איילענד איינוואוינער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418